# סענאטאר ארין העטש גיט אויף פרעזידענט קאמפיין און אינדארסירט גאווערנאר בוש

## גאווערנאר בוש און על גאור גרויסע געווינער אין איאווע קאקוסעס - גרייטן זיך פאר קומענדיגע פריימעריס אין ניו העמפשיר

(פארזעצונג פון זייט 1)

קוסעס, וואס פארצייכנט דעם ...ציעלן אנהייב פונעם קאמפיין פאר ...דענט פון די פאראייניגטע ... דערלאנגענדיג א שטא- ...וי-געראכטענער נידערלאגע ...עדלי, וועלכער האט גאר ...פיינט אין די סטעיט. ...ויסגעקומען א גרויסער ...ענדיג קעגן א גאנצע ...ער-האט געוואונען ... קיין שום רעפו- ...ט נישט אנגע- ...בליקאנער ... באב ...ומען ...ויך

...אוא ...געווען צו ...קאנדידאטור. די ...פון סטיוו פארבס. ...וואטשוע מקלאנער, אין ...טן פלאן איז געווען היבש מער ווי מען האט פאראויסגעשאצט און עס ווייזט אז די קאנסערוואטיווע רעפוב- ליקאנער האבן פאראייניגט אונטער ... קאנדידאטור און אים דערוויילט אלס דער קאנדידאט פונעם רעכטן פליגל.

די שטארקייט פון דעם קאנסערוואטיוון פליגעל, איז אבער א פאזיטיווער אנטוויקלונג פאר בוש. ווייל מען ערווארט א היציגן קאמפיין אין ניו העמפשיר און סענאטאר דזשאן מ'קעין האט איצט די איבערהאנט אין די אנקעטעס וועלכע מעסטן מ'קעין העכער פון בוש מיט 5 ביז 9 פראצענט. איצט, אז פארבס איז ארויסגעקומען געשטארקט דורך די קאנסערוואטיוון, ...

קאנדידאט וועלכער וועט פאראייניגען די גאנצע פארטיי, און צוריקברענגען דעם ווייסן הויז", האט העטש געזאגט אין זיין אינדארסירונג-רעדע. איצט בלייבט איבער צו זען, אויב בוש קען אויסנוצן דעם פרישן מאמענט אויף צו געוואונען די ניו העמפשיר פריימערי.

אויף די דעמאקראטישע זייט, האט גאור — מיט א פרישן אייפער — נישט געלאזט "זיין" מאמענט פארבייגיין, נאר האט זאפארט געעפנט אן אפענסיווע קעגן בוש. ער האט דערביי אנגעדייטעט, אז ער האט מער נישט קיין מורא פון בראדלי, נאר נעמט זיך גלייך צו די סטראטעגיע פון די אלגעמיינע וואלן.

אפילו אין די ערשטע מאמענטען נאכדעם וואס דער וואל אויסגאנג איז באקאנט געווארן, האט גאור אנגע- נומען א פעסטן, קריגערישן טאן. "מיר האבן בלויז אנגעפאנגען דעם קאמף!" האט ער אויסגערופען. בוש האט זיך באשיידענערהייט באדאנקט פאר די איאווע ווילער: "איך בין דאנקבאר פאר דעם געוואלדיגן זיג מיט וואס איר האט מיך באעהרט".

"מיט אונזער זיג איז פארצייכענט געווארן דער אנהויב פון די ענדע פון דער 'קלינטאן עפאכע'..." האט בוש געזאגט.

גאור האט שארף אטאקירט בוש'ס שטייער רעדוקציע פלענער. אלס א "שטייער רעדוקציע סכעמע (שטיקל)". אבער א ווארטזאגער פאר דעם בוש קאמפיין האט דאס לייכט אפגעווארפן זאגענדיג, "דער גאור קאמפיין איז קענטליך זייער באזארגט פון דעם בוש זיג. זיי האבן א גוטע אורזאך..."

איז דאס טאקע א אורזאך פאר זארג? דאס וועט מען זען אין די ניו העמפשיר פריימעריס די קומענדיגע וואך.

# פרעזידענט קלינטאן וועט היינט דאנערשטאג ...האלטן די יערליכע "סטעיט או די יוניאן"

(פארזעצונג פון זייט 2)

וויליאם רענקוויסט, זיך טאקע נישט באטייליגט.

אין לויף פון די פארגאנגענע וואכן, האט דאס ווייסע הויז צוביסלעך געמאלדען טייל פון די פלענער וואס קלינטאן פלאנט פארצושלאגן פאר דעם קומענדיגן יאר. די אדמיניסטראציע נוצט אן אויסגעפרואווטע סטראטעגיע דערביי, אז וואכן לאנג זאל זיך "אויסלופטערן" די פלענער און דערווייל זאל מען באקומען א "געפיל" ווי שטארק א געוויסער פלאן ווערט אויפגעכאפט ביים פאלק, אז קלינטאן זאל קענען פרעזענטירן פאר'ן פאלק א "פערפעקט" בינטל געשאנקען...

יענס יאר וועט דער הויכפונקט פון די רעדע זיין, וועגן די עקאנאמיע וואוקס, אויסערן פאליטיק — הויפט- זעכליך כינע און מיטל מזרח – ווי אויך ערציאונג, סאשעל סעקיוריטי און פארברעכן. דער פרעזידענט פלאנט אויך צו מעלדן א רייע שטייער-פלענער מיטן אנגעבליכן ציל צו העלפן ארימע פאמיליעס און נידריגע פארדינער.

# העריליכע קידושא רבא ביי איינ'קל פון כ"ק אדמו"ר מפאפא שליט"א

(פארזעצונג פון זייט 3)

האלטן דעם שבת מיט כ"ק אדמו"ר מפאפא שליט"א. עס האבן זיך אויך אנגעזען די הונדערטער בחורי חמד פון די פאפא ישיבה, וועלכע זענען ספע- ציעל אריינגעקומען פון קרית פאפא, וועסטטשעסטער, להסתופף בצל רבם כ"ק אדמו"ר מפאפא שליט"א. א חשוב'ער גאסט איז ספעציעל געקומען צו פארן פון ארץ ישראל לכבוד דעם שבת, הגה"צ ר' משה סופר שליט"א, רב דקהלת יעקב דפאפא אין ירושלים.

שב"ק אינדערפרי האט געהערשט א גרויס התלהבות בשעת פסוקי דזמרה, ווען כ"ק אדמו"ר מפאפא שליט"א האט פארגעזאגט מיט גרויס התעוררות די שירת הים, פסוק ביי פסוק כנהוג. צו שחרית איז צוגעגאנגען הרה"ג ר' יודל וועבער שליט"א, ר"מ בישיבת פאפא, א פעטער פונעם רב'ין שליט"א. נאכ- דעם וואס דער בעל שמחה האט עולה געווען לתורה, ויקרא שמו בישראל מלכה, ע"ש די ערשטע בעלזער רעביצין, הרבנית הצדיקת מלכה אשת חבר פון הרה"ק השר שלום מבעלזא זיעוכי"א, וואס ווי באקאנט, האט הרה"ק ר' מאיר פרעמישלאנער זי"ע ממליץ געווען אויף איר דעם פסוק "ומלכי צדק מלך שלם".

צו תפלת מוסף איז צוגעגאנגען דער זיידע, הגה"צ ר' חיים יחזקאל שרגא דייטש שליט"א, אב"ד "מקור חיים" אין מאנסי. פארן מחותן, הגה"צ רב דמקור חיים שליט"א, איז דער שבת געווען א טאפעלטע שמחה, וואס עס איז אויך געווען דער שבת שבע ברכות פון זיין זון הרב יואל שליט"א, וועלכער האט חתונה געהאט די פארגאנגענע וואך, למז"ט.

נאכן דאווענען איז פארגעקומען דער העריליכער קידושא רבא, וואו די הונדערטער חסידים האבן אנטייל גענומען אין די שיינע שמחה, נאכן זינגען שיינע ניגונים לכבוד די שמחה, האט כ"ק אדמו"ר מפאפא שליט"א אנגעוואונטשן לחיים און ברכת מזל טוב פארן גאנצן ציבור. דאן האט דער גאנצער עולם זיך צוגעהערט צו די דברות קודש פון כ"ק אדמו"ר מפאפא שליט"א, נאכדעם איז דער גאנצער עולם אריבערגעגאנגען וואונטשן מזל טוב פאר כ"ק אדמו"ר מפאפא שליט"א, פאר הגה"צ אב"ד מקור חיים שליט"א, פארן בעל שמחה, הרה"ג ר' יחיאל מיכל שליט"א און פאר אלע קרובי המשפחה שליט"א.

ובית צדיקים יעמוד.

# אמעריקע און 19 סטעיטס טוען שארף פארדאמען "מייקראסאפט" אין געריכט

(פארזעצונג פון זייט 2)

געזעץ, וואס ערלויבט צו מאניפולירן ביזנעס כדי זיך צו קענען פארטיידיגן קעגן קאנקוראציע, נוצנדיג יעדע שריט, סיידן אונטערצוברענגען די קאנקו- רענטן.

"מייקראסאפט" האט באשולדיגט די רעגירונג, פארן נוצן פאלשע און פארדרייטע פאקטן, איר אנצוקלאגן. דער ווארטזאגער פון "מייקראסאפט", מארק מורעי, האט באשולדיגט, אז די רעגירונג האט פילמאל אין זייער אנק- לאגע קעגן "מייקראסאפט" דירעקט איגנארירט עקזיסטירענדע געזעצן, אדער געשריבן נישט געשטויגענע געזעצן, אלעס נאר כדי צו ערגרייכן איר ציל: אונטערצוברענגען "מייק- ראסאפט".

בס"ד
אברהם אליעזר קוויאט
ראש ישיבה בישיבת אלכסנדר
ברוקלין, נ.י.

מען האט פאראויסגעשאצט און עס ווייזט, אז די קאנסערוואטיווע רעפובליקאנער האבן זיך פאראייניגט אונטער זיין קאנדידאטור און אים דערוויילט אלס דער קאנדידאט פונעם רעכטן פליגל.

די שטארקייט פון דעם קאנסערוואטיון פליגעל, איז אבער א פאזיטיווער אנטוויקלונג פאר בוש. ווייל מען ערווארט א היציגן קאמפיין אין ניו העמפשיר און סענאטאר זשאן מ׳קעין האט איצט די אויבערהאנט אין די אנקעטעס וועלכע מעסטן מ׳קעין העכער פון בוש מיט 5 ביז 9 פראצענט. איצט, אז פארבס איז ארויסגעקומען געשטארקט דורך די קאנסערוואטיון, וועט דאס אים פילייכט אריינברענגען אין דעם קאמפיין צווישן בוש-מ׳קעין און אפשוואכן מ׳קעין.

גלייך נאכן וואל-אויסגאנג, האבן זיך אלע קאנדידאטן געלאזט פליען קיין ניו העמפשיר, וואו די ערשטע פריימעריס אין לאנד ווערן אפגעהאלטן. ניו העמפשיר ווערט באטראכט פאר א קריטישע סטעיט פאר אלע קאנדידאטן, פון ביידע פארטייען. אויב ברעדלי – וועלכער האלט אין די דארטיגע אנקעטעס אייניג מיט גאור – פארלירט שטארק, וועט דאס זיין א פאטאלער דורכפאל פאר זיין קאנדידאטור. אויב מ׳קעין געווינט מיט א באדייטענדע מערהייט איבער בוש – וועלכער קלערט שוין עטוואס פון א מעגליכער מינימאלער פארלוסט – וועט דאס ״אראפברענגען בוש פון די וואלקענעס״ און אים געבן דעם אויסזען ווי א ״געוועגליכער״ קאנדידאט, וואס וועט היבש פארמינערן דעם איינפלוס פון דעם גלענצענדען קאמפיין וואס ער האט ביז היינט געפירט.

מיט העטש׳ס אויפגעבן זיין קאנדידאטור, האט ער נאכגעפאלגט זעקס אנדערע רעפובליקאנער קאנדידאטן וועלכע האבן אויפגעגעבן זייער טרוים צו לויפן פאר פרעזידענט, דאול, קוועיל, אלעקסאנדער, סמיט, ביוקענען און קעסיטש, און אלע האבן דאס געטוען אלס רעזולטאט פון דעם געלונגענעם בוש-קאמפיין און זיין רעקארד קאמפיין-קאסע.

״איך גלויב בוש איז דער איינציגער

געמאלדען טייל פון די פלענער וואס קלינטאן פלאנט פארצושלאגן פאר דעם קומענדיגן יאר. די אדמיניסטראציע נוצט אן אויסגעפראוווטע סטראטעגיע דערביי, אז וואכן לאנג זאל זיך ״אויסלופטערן״ די פלענער און דערווייל זאל מען באקומען א ״געפיל״

וואוקס, אויסערן פאליטיק – הויפטזעכליך כינע און מיטל מזרח – ווי אויך ערציאונג, סאשעל סעקיורעטי און פארברעכן. דער פרעזידענט פלאנט אויך צו מעלדן א רייע שטייער-פלענער מיטן אנגעבליכן ציל צו העלפן ארימע פאמיליעס און נידריגע פארדינער.

בס״ד

**אברהם אליעזר קוויאט**

ראש ישיבה בישיבת אלכסנדר

ברוקלין, נ.י.

## ע״ד השגותיי על תשו׳ הגאון האדמו״ר ממונקאטש שליט״א

הנני בזה לבקש סליחה ומחילה, ואני מצטער ומתחרט על הביטויים שכתבתי נגד מעכ״ת שליט״א וביותר על שנתפרסמו דברי הקשים ברבים.

ובתשובתו הרמה אשר צלל במים אדירים לעומקה של הלכה ביגיעה עצומה בבירור שיטות הראשונים והפוסקים, אודה ולא אבוש שטעיתי ולא דקדקתי כראוי על <u>שיטתו, שהיא באמת שיטת בעל מנחת אלעזר זצוק״ל</u>.

...ובאמת צדקו כל אלו שהשיגו עלי דהגה״ק בעל מנח״א מדבר שם בעיירות הגדולות כמו לונדון ופאריז וכיו״ב, שנתברר בירור גמור מספרי ההיסטורי׳ המוסמכים שבשנים הללו שנדפס התשובה בשו״ת מנח״א היו בהם מליוני תושבים.

וכבר אמרו חז״ל חכמים הזהרו בדבריכם, ובפרט בשעה שהליצנות והזלזול שולט בעולם, והי׳ לי ליזהר ובפרט ברבים, ועל כן אבקש סליחתו הרמה להבין לרוחי בעידנא דריתחא, ונקיים בנו כדרכו של תורה ואת והב בסופה, ומצטער אני על הזלזול שיצא מדברי ומבקש סליחתו, ותקותי שינקוט עמי מדותיו של הקב״ה למחול גם לשאינו ראוי

אחתום בשלום ובהכנעה

**א. א. קוויאט**

# פארדאמען ״מייקראסאפט״ אין געריכט

(פארזעצונג פון זייט 2)

געזעץ, וואס ערלויבט צו מאניפולירן ביזנעס כדי זיך צו קענען פארטיידיגן קעגן קאנקוראציע, נוצנדיג יעדע שריט, סיידן אונטערצוברעכן די קאנקורענטן.

״מייקראסאפט״ האט באשולדיגט די רעגירונג, פארן נוצן פאלשע און פארדרייטע פאקטן, איר אנצוקלאגן. דער ווארטזאגער פון ״מייקראסאפט״, מארק מורעי, האט באשולדיגט, אז די רעגירונג האט פילמאל אין זייער אנקלאגע קעגן ״מייקראסאפט״ דירעקט איגנארירט עקזיסטירענדע געזעצן, אדער געשריבן נישט געשטיגענע געזעצן, אלעס נאר כדי צו ערגרייכן איר ציל: אונטערצוברענגען ״מייקראסאפט״.

די נעכטיגע דאקומענטאציע וועלכע איז אריינגעגעבן געווארן אין געריכט, איז געווען די לעצטע קויל וואס איז געשאסן געווארן פון ביידע ריכטונגען, איידער דער געריכט אורטייל וועט ארויסגעגעבן ווערן, דורך ריכטער טאמעס פענפיעלד דזשעקסאן.

אין נאוועמבער, האט ריכטער דזשעקסאן געאורטיילט, אז ״מייקראסאפט״ איז א מאנאפאל וועלכע האט מאניפולירט מיט די מארקעט קעגן קעגנער און שותפים, נישט ערלויבענדיג קאנקוראציע און פאלענדיג צו לאסט אויף די קאנסומער אבער די ווענטועלע אורטייל פו ריכטער דזשעקסאן וועט ערשט קומע שפעטער, נאכדעם וואס דער ריכטע וועט ענדיגן צו אויספארשן די לעצטע ארגומענטן אין פעברואר 22.

באאמטע וועלכע זענען נאנט צו די געשפרעכן האבן געזאגט, אז גארנישט גייט נישט אראפ פון טיש, אבער די יוסטיץ-דעפארטמענט באציט זיך נישט אין איצטיגן פאל צו א ספעציפישע סאנקציע וואס זי וויל ארויפלייגן, וואס דאס וועט ערשט שפעטער אויסגעארבעט ווערן.

אין היינטיגען אויסגאבע פון ״דער בלאט״ האט אונזער חשובער מיטארבעטער ש. י. לעבאוויטש שיחי׳ אפגעהאנדלט דעם גאנצען אנגעלעגנהייט אין זיין וועכענטליכען קאלום ״ארום די לעצטע געשעענישן״.